# הונדערטער פרויען באַטייליגט ביי אסיפת התעוררות מאָנטאָג פאַררופן דורך ״קהל יטב לב דסאַטמאַר״

וויליאַמסבורג. – פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג אָוונט איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסע צאָל פון הונדערטער פרויען בלע״ה צו אַן אסיפת התעוררות פאַררופן דורך ״קהל יטב לב דסאַטמאַר״ אויפ'ן רוף פון די חברי הביד״צ דקהל יטב לב און הגה״צ אבד״ק ור״מ שליט״א, בהסכמת כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק שליט״א.

די אסיפה איז פאַררופן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געוואַלדיגן מכשול וועלכע האָט ליידער פאַסירט ביי כלל ישראל ווען אַ גרויסער טייל פרויען זענען ליידער נכשל געוואָרן אין אָנטאָן שייטלען וועלכע ענטהאַלטן אין זיך אַ חשש תקרובת עבודה זרה. ווי באַקאַנט האָבן אַלע רבנים און אַלע בתי דינים אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ אַרויסגעגעבן אַ פסק הלכה אַז מען מוז די סאָרט שייטלען מבער זיין און מער טאָר זיי נישט נוצן.

דער פסק דין האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און טויזנטער פרויען איבער דער וועלט האָבן אויסגעפאָלגט דעם פסק פון די רבנים הגאונים שליט״א. דער קידוש השם דערפון האָט אָפּגעקלונגען איבער די גאַנצע וועלט.

אין דער זעלבער צייט איז געוואָרן אַ התעוררות איבער דעם גאַנצן ענין פון שייטלעך. טויזנטער פרויען האָבן זיך מקבל געווען נישט צו גיין אין יומען העיר שייטלען וועלכע קומען נישט פון אינדיע. אין די זעלבע צייט זענען הונדערטער פרויען נתעורר געוואָרן נישט צו גיין מער אינגאַנצן מיט קיין שייטל אַזוי ווי דער פסק פון רוב גדולי ישראל.

די אסיפה איז פאַררופן געוואָרן מחזק צו זיין די נשים צדקניות מתקן צו זיין אין דעם ענין און בפרט נישט צו גיין אין קיין שום יומען העיר שייטל, נישט קיין נפקא מינה פון וואו עס קומט.

צו די באַשטימטע צייט איז דער זאַל פון אהל ברכה סימא געווען איבערגעפולט פון די הונדערטער פרויען וועלכע זענען געקומען הערן די דברי התעוררות פון די רבנים הגאונים שליט״א.

איינגעלייטעט די אסיפה האָט הרה״ג ר' יהושע ברוך ווערצבערגער שליט״א מנכ״ל התאחדות האברכים דסאַטמאַר, וועלכער האָט איבערגעגבן דעם צוועק פון די היינטיגע אסיפה וואָס קהל יטב לב האָט צוזאַמענגערופן.

צום ערשט האָט גערעדט הרה״ג המפורסם רבי צבי יששכר דוב כ״ץ שליט״א אבד״ק בית יוסף צבי דושינסקיא. נאָך אַ לענגערן אַריינפיר אַרויסברענגענדיג די געוואַלדיגע גרויסקייט פון אידישע טעכטער, און אַז זיי זענען די מוסטער פון די אידישע שטוב, האָט דער חשוב'ער רב אויסגעשמועסט דעם געוואַלדיגן מכשול וואָס האָט ליידער פאַסירט ביי כלל ישראל אַז אַ גרויסער טייל פון כלל ישראל זענען נכשל געוואָרן אין אַ חשש תקרובת עבודה זרה וואָס ליידער איז דאָס געווען אַ פועל יוצא פון דעם וואָס מען איז ליידער געגאַנגען גאָר ווייט מיט דעם ענין וואָס מען האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן שייטלען וואָס זענען באיסור גמור, וואָס זענען אסור לכל הדיעות, די וועלכע זעען אויס אינגאַנצן ווי האָר.

פון די אַנדערע זייט איז ב״ה אַראָפּגעקומען אַ געוואַלדיגע התעוררות פון די פרויען וועלכע האָבן זיך פאַרבעסערט, דאַרף מען וויסן אַז מען מיינט יעדן איינעם. וויבאַלד עס איז געשען אַזאַ מכשול דאַרף זיך יעדער איינער עפּעס פאַרבעסערן די וואָס זענען געגאַנגען לאַנגע שייטלען זאָלן טוישן אויף קורץ, די וואָס זענען גענגאַנגען אויפגעדעקט זאָלן צודעקן, אָבער בשום אופן נישט קיין ״יומען העיר״ וועלכע איז גע'אסר'ט לויט אַלע פוסקים.

אויך האָט דער חשוב'ער רב געשטורעמט איבער דעם פּראָבלעם וואָס מען שיקט אַרויס טעכטער אַרבעטן אין די אַרבעטס פלעצער, דער חשוב'ער רב האָט איבערגעגעבן אַז אין דעם לעצטן מעת לעת אַליין האָבן געראָפן צענדליגער מענטשן און איבערגעגעבן שרעקליכע זאַכן וואָס זיי ווייסן וואָס עס קומט פאָר אין די אַרבעטס מקומות. אַ מיידל וואָס אַרבעט אין אַן אָפּיס איז לא ימלט אַז עס זאָל איר נישט שאָדן, אפילו אויב מען דערקענט עס נישט פון אינדרויסן, אָבער עס איז אַ פאַקט אַז עס פאַרדאַרבט. אויך האָט דער חשוב'ער רב גערעדט איבער אַנדערע פּראָבלעמען אין צניעות ספעציעל דער ענין פון שמאָלע קליידער וואָס דאָס איז אַ מכשול נורא, און אַ געוואַלדיג פירצה.

דערנאָך האָט אויפגעטרעטן הרה״ג המפורסם, פה מפיק מרגליות רבי יצחק אלעזר מאָסקאָוויטש שליט״א אב״ד דרך ים שאָץ מאָנסי.

דער חשוב'ער רב האָט שטאַרק אַרומגערעדט איבער דעם ענין פון צניעות אַז דאָס איז נישט קיין עול וואָס מען האָט אַרויפגעצוואונגען אויף אידישע טעכטער, אדרבה דאָס איז אַ כבוד וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר די אידישע טאָכטער. די אידישע טאָכטער האָט אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף איר, און אַז דער לבוש היט דעם איד. אין דעם ענין פון שייטלעך דאַרפן מיר זען בעסער צו ווערן; צו גיין אין לאַנגע דאָסטערס איז נישט דער כבוד פון די אידישע טאָכטער נישט אין קאָנטרי און נישט אין שטאָט; רעדן אויף סעלפאָונס אויפ'ן גאַס איז נישט קיין כבוד פאַר אַ אידישע טאָכטער.

אויך האָט דער חשוב'ער רב גערעדט וועגן דעם ענין פון אַרבעטס פלעצער וואָס פאַר אַ גרויסער מכשול דאָס איז, און נאָך ערגער איז דאָס וואָס מען לאָזט אַרבעטס מיידלעך זומער אַליין אין דער היים.

אויך האָט דער חשוב'ער רב גערעדט איבער דעם אַז די פרויען זאָלן לאָזן די מענער לערנען ווען זיי קומען אַרויס אין קאָנטרי און נישט פאַרלאַנגען אַז מען זאָל אַרום פאָרן פאַרברענגען אין די פרייע טעג.

די דרשות האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. עס זענען שוין פאַרקויפט געוואָרן טויזנטער טעיפּס, אויך קען מען דאָס הערן אויף די טעלעפאָן-ליניע פון ״כה תאמר״.

קול דודי דופק

ניו יארק
(212) 990-7200

קרית יואל
(845) 351-1115

מאנסי
(845) 371-2000

לעיקוואוד
(732) 410-3032

מאנטריאל – טאהש
(514) 277-5521

פאר מנרב זיין לק״נ אין טאג פון א יארצייט אדער אין טאג פון א שמחה
ביטע רופט (718) 963-4161